בס"ד

# תורת אביגדור

## באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר דברים**

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת כי תצא

# מכבד זיין די שכינה

**פרנס השבוע**

**נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו**
**להצלחה בכל ענינים**

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**נפתלי שמואל ב"ר מאיר** ע"ה


צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**
**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת כי תצא
שנה ד'

# מכבד זיין די שכינה

תוכן:

חלק א. די שכינה אינעם מלחמה לאגער - חלק ב. די שכינה אין בית המקדש - חלק ג. די שכינה אין א אידישע היים

## חלק א. די שכינה אינעם מלחמה לאגער

### אידישע מלחמה געצייג

אין די וואכעדיגע סדרה ווערן מיר באקאנט מיט'ן אידישן סאלדאט וואס גייט ארויס אין שלאכט אלס פארשטייער פון זיין פאלק. **כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ** - ווען עס וועט ארויסגיין א מחנה קעגן דיינע פיינט... (כי תצא כג:י). און מיר זעען עפעס אינטערעסאנט איבער די געצייג וואס ער טראגט מיט זיך. **וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ** - אין צוגאב צו זיינע געווער פון מלחמה - זיין שווערד און פייל און בויגן און זיין שפיז - האט ער אויך געהאט א שפיציגע אייזן אראפהענגענדיג צו זיין זייט.

אזוי האט מען געקענט דערקענען א אידישן סאלדאט; ער האט געהאט א קליינע שפיציגע אייזן אראפהענגענדיג פון זיין גארטל. איך בין זיכער אז עס זענען געווען נאך זאכן וואס האבן אים געמאכט אנדערש פון א גוי'שער סאלדאט - פיל זאכן - אבער ס'איז דוקא דאס וואס די וואכעדיגע סדרה דערמאנט. ער האט מיט זיך א געצייג צום גראבן.

א שפיציגע אייזן? צו וואס? ערקלערט אונז דער פסוק ווי פאלגענד: **וְיָד תִּהְיֶה לְךָ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה** - איר זאלט באשטימען אן ארט אינדרויסן פון דעם מיליטערישן לאגער (שם.). סיי וואו די אידישע סאלדאטן שטעלן אויף א לאגער, איז באשטימט געווארן א געוויסער פלאץ אינדרויסן פון די לאגער גרעניצן, **וְהָיָה בְּשִׁבְתְּךָ חוּץ** - דאס מיינט אז ווען א סאלדאט דארף ארויסגיין פאר זיינע באדערפענישן דארף ער דאס טון אינדרויסן פון די גרעניצן פונעם לאגער.

אבער עס איז נישט גענוג דאס אז ער גייט ארויס פון די גרעניצן פונעם לאגער, נאר ער דארף מיטנעמען זיין שפיציגע אייזן מיט זיך, **וְחָפַרְתָּה בָהּ** - און ער זאל עס ניצן צו גראבן א גרוב, **וְשַׁבְתָּ וְכִסִּיתָ אֶת צֵאָתֶךָ** - און דערנאך זאל ער עס ווידעראמאל ניצן צו באדעקן די אפפאל (שם.). דערפאר איז דא די הלכה אין די תורה אז יעדער אידישער סאלדאט מוז טראגן מיט זיך א שפיציגע אייזן.

### ריין פאר די שכינה

אלזא, דאס איז גאנץ אן אינטערעסאנטער אריינפיר צו די נושא פון א אידישע ארמיי וואס גייט ארויס אין מלחמה. מיר וואלטן געטראכט אז עס וואלט געדארפט שטיין איבער די הכנות צום

שלאכט, די מלחמה באוועגונגען אדער כאטש איבער געוויסע תפילות וואס דארפן געזאגט ווערן - און איך בין זיכער אז דאס איז אויך געטון געווארן. אבער די ערשטע זאך וואס די תורה זאגט אונז איז אז מען דארף מאכן זיכער צו האלטן דעם לאגער ריין; עס זאל נישט זיין קיין שום אפפאל; נישט קיין שמוץ אדער ריח.

למעשה, ס'איז נישטא קיין ספק אין דעם אז צו האלטן דעם לאגער ריין איז א גוטע זאך - יעדער מיליטערישער לאגער וואלט זיכער געמאכט צו איינפירן אזא פרינציפ - אבער פון די פסוקים זעט עס אויס צו זיין זייער א וויכטיגע זאך, איינע פון די וויכטיגסטע!

און עס איז! די תורה זאגט ווייטער: **כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ** - דו זאלסט נאכגיין דעם וועג ווייל דער באשעפער, דיין גאט גייט אינמיטן דיין לאגער, **לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ** - דיר צו ראטעווען פון דיינע פיינט. ווען די אידן גייען ארויס אין שלאכט קומט די שכינה אראפ זיי צו העלפן. אזוי איז עס געווען. א לאגער פון אידישע סאלדאטן וואס גייען ארויס אין מלחמה אויפ'ן באפעל פון די סנהדרין איז געווען אן ארט וואו די שכינה האט גערוט!

אהה! דאס איז שוין עפעס אנדערש! די שכינה איז דא! דאס פאדערט שוין עפעס א תיקון אין אונזער אויפפירונג. **וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר** - עס זאל נישט געזען ווערן קיין אומווערדיגקייטן, קיין שום מיאוס'ע זאך, אינעם לאגער, **וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ** - און די שכינה וועט זיך אוועקקערן פון דיר.

## א געהויבענע אויפפירונג

דאס איז וואס עס מיינט כפשוטו. אויב דער לאגער איז נישט קיין מכובד'יגער פלאץ, אויב עס זענען דא פונקטן דא און דארט וואו אפפאל ווערט ארויסגעלאזט און פליגן זאמלען זיך איין, ווערט דער לאגער נישט באטראכט אלס ווערד פאר די אנוועזנהייט פון באשעפער און דאס איז שוין גענוג א סיבה אז די שכינה זאל זיך אפטון.

אט איז א סאלדאט. ער טוט גארנישט שלעכט, טראכט ער. ער קען נישט אפהאלטן זיינע נאטורליכע באדערפענישן, גייט ער ערגעץ אין א זייט און טוט וואס עס פאדערט אים, אבער ער באדעקט עס נישט. דאס אלעס! וואס איז די זינד? איז דאס אזוי שלעכט?

דער ענטפער איז, אז ווען דו ווייסט אז די שכינה איז דא, דאן איז אפילו דאס א זינד. ווען די שכינה איז אנוועזנד פאדערט זיך אינגאנצן אן אנדער סארט אויפפירונג; דיין אויפפירונג טוישט זיך - דער וועג ווי אזוי דו רעדסט, די זאכן וואס דו זאגסט, די זאכן וואס דו טוסט. דו פירסט זיך נישט אין אנוועזנהייט פון א קעניג פונקט ווי דו פירסט זיך אין אנוועזנהייט פון סתם אבי ווער. און אויב חס ושלום דו טוסט יא, אויב פירסטו זיך נישט מיט כבוד, דאן **וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ**, קערט זיך די שכינה אפ פון דיר. און דאס מיינט אלעס! אויב וועט דער באשעפער נישט זיין דא דיר צו העלפן אין שלאכט דאן וועלן אלע דיינע מיליטערישע אקציעס און אלע תפילות אין די וועלט דיר נישט העלפן. אלע געווער וועלן נישט ברענגען קיין נוצן, אויסער אויב דער אידישער סאלדאט האט מיט זיך א **וְיָתֵד עַל אֲזֵנֶךָ** - אין צוגאב צו זיינע געווער, האט ער אויך א שפיציגע אייזן.

## אן ארמיי מיט קדושה

פאר איך גיי ווייטער, וועל איך זאגן איין זאך וואס וואלט נישט געדארפט געזאגט ווערן, אבער ווייל עס הערשט אזא צעמישעניש היינט אין דעם ענין וועל איך נעמען די צייט עס צו זאגן. ווען מיר זאגן 'אידישער סאלדאט', האט דאס גארנישט צו טון מיט די איזרעאלישע ארמיי. **כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ** מיינט, ווען דו גייסט ארויס אין מלחמה וואס די חכמי התורה האבן דיר באפוילן ארויסצוגיין

און מלחמה האלטן; ס'איז א לאגער וואו דער ארון הברית גייט מיט מיט דיר, אן ארט פון קדושה און לימוד התורה. דאס איז א מיליטערישער לאגער וואס ברענגט אראפ די שכינה.

די ארמיי פון די ציונ'יסטישע מדינה איז דאס פארקערטע פון קדושה. דער צוועק פון די ארמיי איז צו פארוואנדלען אידן צו איזרעאליס. זיי אליין זאגן אז די איזרעאלישע ארמיי איז ספעציעל אויפגעשטעלט געווארן מיט'ן ציל צו צעברעכן די מאראלישקייט פונעם אידישן פאלק. א גענעראל אין די איזרעאלישע ארמיי האט דאס געשריבן אין זיין בוך. איך וועל נישט נאכזאגן פונקטליך זיינע ווערטער ווייל מיר געפינען זיך אין א שול אבער סיי ווער עס ווייסט עפעס, ווייסט אז דאס איז א פלאץ פון ערות דבר, אודאי פירן זיי אויך מלחמות, עס איז נישט קיין שאלה אז זיי באשיצן אידן, און מיר דאווענען אז זיי זאלן מצליח זיין אפצוהיטן די פרומע ישוב אבער עס איז נישט קיין הייליגע לאגער.

דאגעגן אין די צייטן פון בית המקדש האבן מיר געהאט אן ארמיי וואס איז באשטאנען נאר פון ערליכע אידן, און זיי האבן מקיים געווען דעם פסוק **וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ** - דיין לאגער זאל זיין הייליג. און ווי אזוי מאכט מען א לאגער זאל זיין א הייליגע ארט פאר די שכינה צו רוען? דורך זיך אויפפירן אין א וועג וואס ווייזט אז דו ביסט באוואוסטזיניג אז די שכינה איז דא. אפילו עפעס אזוי נאטורליך ווי זיך אפצוגעבן מיט די קערפערליכע באדערפענישן דארף געטון ווערן מיט באוואוסטזיניגקייט דערצו אז מ'געפינט זיך אין אנוועזנהייט פון די שכינה. דאס איז א מחנה קדוש!

## זיין כבוד פילט אן די וועלט

דאס איז דער געוואלדיגער מוסר השכל אין דעם פסוק - מיר זענען די וועלכע ברענגען אריין די שכינה אין אונזערע לעבנס! לויט ווי אזוי מיר פירן זיך אויף, די כבוד וואס מיר ווייזן פאר די אנוועזנהייט פון די שכינה "וואס גייט אינמיטן פון אונזער לאגער," דאס מאכט עס אן ארט וואס איז פאסיג פאר'ן באשעפער צו אראפקומען צווישן אונז. און ווי מער מען לייגט זיך אריין דערין, ווי מער מען פירט זיך אויף אין א וועג וואס איז פאסיג פאר די שכינה; אלץ מער קומט די שכינה אראפ. און דאס איז א יסוד וואס איז נוגע נישט נאר צום מיליטערישן לאגער, נאר סיי וואו די שכינה געפינט זיך.

אלזא, מיר ווייסן אז די אנוועזנהייט פון באשעפער איז איבעראל; **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** - ער איז איבער די גאנצע וועלט. דער אמת איז אז לית אתר פנוי מיניה - ס'איז נישטא אן ארט וואס איז ליידיג פון באשעפער. אבער מיר לערנען פון די תורה און פון מאמרי חז"ל אז עס איז דא אזא זאך ווי שכינה, וואס מיינט די פארשטארקונג פון די אנוועזנהייט פון באשעפער.

## דירעקטע שטראלן

די חז"ל (סנהדרין לט.) ברענגען א משל; ס'איז ווי די זון וואס שיינט. אינמיטן טאג ווען די גאנצע וועלט איז אנגעפילט מיט ליכטיגקייט - נישט נאר וואס עס איז דא אן שפע פון זונענשיין אויפ'ן גאס, נאר עס שיינט אויך אריין אין די הייזער. אויך ווען די לאדנס זענען פארמאכט, קומט נאך אלץ אן ליכטיגקייט אינעווייניג. עס גנב'ט זיך אריין צווישן די שפאלטנס פון די לאדנס און פון אונטער'ן טיר.

למעשה, איז דען די ליכטיגקייט וואס קומט אריין פון א שפאלט אינעם שליסל לאך אדער פון די לאדנס די זעלבע ליכטיגקייט ווי דאס וואס מ'זעט אויפ'ן גאס? ניין. ס'איז דא א גרויסער חילוק. אויפ'ן גאס באקומט מען די ליכטיגקייט דירעקט פון די שטראלן פון די זון. מען קוקט ארויף און מ'זעט די זון און די שטראלן קומען אראפ גלייך אויף דיר. אבער אויב ביסטו אינעווייניג אין הויז און

די טירן און פענסטערס זענען פארמאכט, קומט נישט די ליכטיגקייט אריין דירעקט; די ליכט שטראלן קומען טאקע אריין דורך זייטיגע וועגן אבער ס'איז נישט די זעלבע.

ענליך דערצו, די שכינה געפינט זיך איבעראל; **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** מיינט אז סיי וואו דו דרייסט זיך, סיי וואו דו גייסט, איז דער באשעפער דארט. און דאך זענען דא געוויסע ערטער וואו דעם באשעפער'ס כבוד שיינט דירעקט. עס זענען דא פלעצער וואו ס'איז נענטער און מער קאנצענטרירט.

אלזא, דאס דארף מען אריינגעמען אין קאפ. פארגעסט פון פילאזאפיע. וואס דער באשעפער איז, דאס איז למעלה, ס'איז העכער אונזערע השגות צו ערקלערן, אבער מיר דארפן דאס אריינגעמען אין אונזער קאפ וואס דער באשעפער האט אנטפלעקט פאר אונז איבער אים, אז ער איז **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** און אין געוויסע ערטער מאכט ער זיין אנוועזנהייט שטערקער ווי אין אנדערע פלעצער.

## דרגות פון השראת השכינה

ס'איז דא א משנה אין מסכת אבות, אינעם דריטן פרק. **רַבִּי חֲלַפְתָּא בֶּן דּוֹסָא אִישׁ כְּפַר חֲנַנְיָה אוֹמֵר: עֲשָׂרָה שֶׁיּוֹשְׁבִין וְעוֹסְקִין בַּתּוֹרָה**, - ווען צען מענטשן קומען זיך צוזאם צו לערנען תורה, **שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶם** - די שכינה איז אויך דא. איר הערט דאס? ס'ווערט געברענגט אויך אין די גמרא (סנהדרין שם.): **כל בי עשרה שכינתא שריא** - סיי ווען אימער צען אידן קומען זיך צוזאם, איז די שכינה דארט. ווען דו קומסט צו א בית הכנסת און ס'איז דא א מנין אדער צומאל מאכט מען זיך א פריוואטער מנין, דארפט איר וויסן אז די שכינה איז דארט. פונקט ווי דא, עס געפינען זיך דא מער ווי צען אידן - אלע כשר'ע אידן, ברוך ה', און איר קומט זיך צוזאם, נישט מיט'ן ציל פון הערן וויצן, אדער פארברענגען און אונטערהאלטונג, נאר צו לערנען תורה, איז די שכינה דא מיט אונז. איר דארפט וויסן אז די שכינה געפינט זיך יעצט דא.

אצינד גייט ער ווייטער און זאגט, **וּמִנַּיִן אֲפִלּוּ חֲמִשָּׁה** - וואס איז מיט פינף אידן? און ער ברענגט א פסוק אז אפילו ווען פינף אידן קומען זיך צוזאם איז עס אזוי. אודאי איז עס א שוואכערע בחינה פון די שכינה, ס'איז נישט דער זעלבער שטארקער כח פו השראת השכינה ווי מיט צען, אבער די שכינה געפינט זיך דארט.

**וּמִנַּיִן אֲפִלּוּ שְׁלֹשָׁה** - וואס איז ווען עס קומען זיך צוזאם דריי אידן פאר עבודת ה'? יא, אפילו דריי. און ער ברענגט א פסוק דארט עס אויפצווייזן. **וּמִנַּיִן אֲפִלּוּ שְׁנַיִם** - און צוויי? ברענגט ער אן אנדער פסוק: **אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ** - צוויי יראי ה' רעדן זיך צוזאם, וואס רעדן זיי? זיי רעדן דברי תורה, איז אודאי, **וַיַּקְשֵׁב ה'** - דער באשעפער געפינט זיך דארט און ער הערט אויס.

אצינד, **וּמִנַּיִן אֲפִלּוּ אֶחָד** - וואס איז מיט איין מענטש? יא, אפילו איין ערליכער איד וואס לערנט, וואס איז אריינגעטון אין עבודת ה', איז די שכינה דארט. ווי ער זאגט, **בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי** - אין יעדן פלאץ וואו מיין נאמען ווערט דערמאנט, **אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ** - וועל איך קומען און דיר בענטשן.

## איינער קוקט

מיר לערנען דא אז אויב איין איד זיצט אין זיין הויז און ער לערנט תורה, לאמיר זאגן עס מאכט זיך אז דו גייסט פארביי און קוקסט אריין דורכ'ן פענסטער - דרך אגב, ווען דו גייסט פארביי א צווייטנ'ס הויז קוק קיינמאל נישט אריין דורכ'ן פענסטער - אבער לאמיר זאגן אז פערצופאל זעסטו אים זיצן ביים פענסטער און לערנען, דארפסטו וויסן אז די שכינה רוט איבער זיין קאפ. אודאי וועט איר עס קיינמאל נישט זען, אויסער אויב איר ארבעט זייער שווער און איר געוואוינט זיך איין עס צו

פארשטיין אבער דאס איז דער אמת, אז די שכינה איז איבער'ן קאפ פון אן עובד ה'.

דערפאר, יעדער וואס האט אביסל געלערנט ווייסט אז צווישן אידן איז דער ריכטיגער וועג ביים זיך איבערטון מלבושים, צו האלטן דעם קערפער באדעקט (שולחן ערוך א"ח ב). אפילו אויב דו געפינסט זיך אליין אין א צימער און די טיר איז פארשפארט און דער לעקטער איז אויסגעלאשן - קיינער קען גארנישט זען - פונדעסטוועגן וועט דער באוואוסטזיניגער איד זיך אנטון און אויסטון אין אזא וועג אז זיין קערפער זאל זיך נישט ארויסזען.

למעשה, קען מען טראכטן; דער צימער איז פארמאכט, די לאדנס זענען אראפגעלאזט, ס'איז טונקל, קיינער זעט מיר נישט. דער ענטפער איז, אז איינער איז דארט - די הייליגע שכינה. די שכינה איז אלעמאל אנוועזנד אין א אידישע היים און דערפאר פראבירן מיר זיך צו האלטן פארדעקט - מיט כבוד צו די אנוועזנהייט פון די שכינה.

פרעגט זיך אבער די שאלה, וואס העלפט זיך צו באדעקן? אויב דער באשעפער קוקט, קען ער דורכזען די סחורה. ער קען דורכזען די ווענט. איז וואס וועסטו אויפטון דורך זיך באדעקן? דער ענטפער איז, אז מיט דעם טוט מען אויספירן די לערע פון **וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר**. דורך זיך באדעקן אינדערפרי און ביינאכט, און דורך זיך פירן אין א וועג וואס ווייזט כבוד צו די שכינה, דערמאנען מיר זיך שטענדיג פון דער געוואלדיגער מציאות. ווייל דאס איז נישט בלויז א משל, ס'איז נישט פאעטיש - די שכינה רוט אויף דאס אידישע פאלק און מיר דארפן זיך פירן פאסיג דערצו.

# חלק ב. די שכינה אין בית המקדש

## קומען צום בית המקדש

אלזא, ווען מיר רעדן איבער די אנוועזנהייט פון די שכינה, אודאי קומט אין געדאנק דער בית המקדש. ווען דער באשעפער האט באפוילן צו אויפשטעלן א משכן, שטייט, **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ** - איר זאלט מאכן פאר מיר א מקדש, וואס מיינט א הייליגע פלאץ, א ספעציעלער פלאץ פאר מיר, **וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** - און איך וועל רוען צווישן אייך. מיר לערנען פון דא אויפ'ן שפיץ גאפל וואס איז דער באדייט פון א בית המקדש. דאס איז א פלאץ פון השראת השכינה, וואו די שכינה קומט אראפ.

איז שטעלט זיך פאר יעצט אויב מיר האבן היינט א בית המקדש אדער מיר וואלטן געלעבט אין די פריערדיגע צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען אויפ'ן הר הבית. און לאמיר זאגן איר האט זוכה געווען צו אריינקומען אין די עזרה - איר וואלט אריינגעקומען מיט גרויס פארכט, ווי איר וואלט אריין אינעם פאלאץ פון א מעכטיגער קעניג. אזוי איז עס אלעמאל געווען. **וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּוֹת** - מיר האבן דיר געדינט מיט פארכט אין די פריערדיגע טעג.

ווען איינער איז אריין אינעם בית המקדש, איז ער צוגעגאנגען מיט'ן גרעסטן ציטערניש. דערפאר זענען די לויים געשטאנען ארום די טויערן - נישט צו לאזן די בני ישראל אריבערגיין. די לויים האבן אפגעשטעלט דעם ישראל און אויסגעפרעגט, "ביסטו טמא? ביסטו געווען אין מקוה? האסטו געהאט הזאה, אויב ביסטו געווארן א טמא מת?" אזוי האבן זיי אים אויסגעפרעגט נאכאמאל און נאכאמאל. קיינער האט נישט געקענט סתם אזוי אריינגיין. דאס איז געווען די מצוה פון **וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ** - איר זאלט פארכטן פון דעם בית המקדש!

## פון וואס איז דער פארכט?

אבער די גמרא (יבמות ו.) זאגט עפעס זייער וויכטיג איבער די מצוה. לאמיר זאגן איר האט געהאט א שטארקע יראה - ס'איז א געפיל פון פארכט; איר גייט אויף אייערע שפיץ פינגער - אבער אונזערע חכמים ווארענען אונז צו געדענקען דאס פאלגנדע: **יָכוֹל יִתְיָרֵא אָדָם מִן הַמִּקְדָּשׁ** - איך קען טראכטן אז א מענטש זאל מורא האבן פון דעם בית המקדש, **תַּלְמוּד לוֹמַר** - זאגט אונז דער פסוק: ניין! **אֲנִי ה'** - ס'איז איך, דער באשעפער, פון וואס דו דארפסט טראכטן.

ווען דו טובל'סט זיך אין מקוה פאר'ן אריינגיין אינעם מקדש, און ווען די לויים פרעגן דיר אויס ביי די טויערן אדער ווען דו גייסט מיט ציטערניש אינעם מקדש, **לֹא מִמִּקְדָּשׁ אַתָּה מִתְיָרֵא אֶלָּא מִמִּי שֶׁהִזְהִיר עַל הַמִּקְדָּשׁ** - טוען מיר עס נישט ווייל מיר פארכטן זיך פונעם מקדש, נאר פון דעם באשעפער טראכטן מיר. מיר גייען מיט פארכט און עהרע צוליב דעם **מִי שֶׁשִּׁכֵּן שְׁמוֹ בַּבַּיִת הַזֶּה** - דער באשעפער געפינט זיך אין דעם בנין. מיר פירן זיך אנדערש, נישט צוליב דעם בנין אדער די כהנים אדער דער ארון הברית וואס געפינט זיך אינעם קודש הקדשים. ס'איז די אנוועזנהייט פון די שכינה פון וואס מיר טראכטן.

למעשה, איך ווייס אז היינט וועלן מענטשן זיין גאנץ צופרידן אויב יעדער זאל זיך בוקן קעגן דעם הר הבית; מיר וואלטן נישט בודק געווען וואס איז די כוונה, אבער מיר רעדן פון אמתו של תורה און דער אמת פון די תורה איז, אז מיר פירן זיך אויף אנדערש ווייל מיר ווייסן אז דער באשעפער געפינט זיך אינעם מקדש.

## א הייליגע שול

אלזא, כאטש מיר האבן נישט היינט דאס אלעס, אבער דער בית הכנסת איז א מקדש מעט. ס'איז א פלאץ וואו די שכינה רוט. דערפאר דארפן מיר זיך אויפפירן אנדערש אין א שול. נישט ווייל ס'איז א שול אדער צוליב דעם ארון. נישט צוליב דער רב וואס קוקט. ס'איז צוליב דעם וואס די שכינה איז דא!

ווען איר קומט אריין אין בית הכנסת, זאלט איר אריינגיין מיט פארכט. גיי נישט אריין אזוי היימיש זאגנדיג "שלום עליכם," און מ'לאכט ארום, ווי גלייך דו טרעפסט זיך צוריק אין דיין קלוב מיט דיין אלטע קאמפאניען. דאס איז נישט קיין קלוב. דאס איז א בית ה' און ווען דו גייסט אריין, דארפסטו מורא האבן - די שכינה געפינט זיך דא. דאס זעלבע איז אויך אין ישיבה; דו דארפסט מורא האבן ווען דו גייסט אריין אין בית המדרש, דו דארפסט זיך אויפפירן אנדערש.

אויב נישט, **וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ**, די שכינה וועט זיך אפטון. די שכינה געפינט זיך בלויז אין א פלאץ וואו מענטשן מאכן נישט קיין קיבוץ, וואו מ'לאכט נישט ארום, וואו זיי שטייען מיט דרך ארץ. אין א שול אדער א בית המדרש אדער א ישיבה, דארף מען ארויסווייזן אז מ'וויל אז די שכינה זאל קומען, אבער ווען מיר דרייען זיך ארום, אפילו ביים עק שול, און מיר לאכן ארום און רעדן מיט א הויכע קול, דאס מאכט די שכינה זאל אוועקגיין.

## הערט אויף מיט'ן רעדן

דאס איז א גרויסע טראגעדיע, דער ענין פון רעדן אין די שולן. ס'איז א בזיון, ס'איז א פארשעמונג פאר'ן באשעפער. אויב א גוי, להבדיל, וואלט אריינגעקומען אין א שול און געזען וואספארא סארט פלאץ דאס איז, וואלט ער פארלוירן זיין גאנצע אינטערעסע, זיין גאנצע שעצונג. איר דארפט

אנערקענען, דאס איז א געפערליכע מחלה צווישן אידן, חס ושלום, דאס אז עס פעלט דער פאסיגער כבוד צום באשעפער וואס וויל מאכן זיין שכינה רוען צווישן אונז. מענטשן טרייבן אוועק די שכינה פון די מחנה.

אט איז א מענטש וואס גייט אין שול וואו די שכינה איז אנוועזנד; מענטשן לערנען און דאווענען, קומט צוגיין דער שמענדריק מיט'ן ליידיגן קאפ און ער דרייט זיך אויס צו זיין שכן צו אויסטוישן מיט אים א לופטיגער שמועס. דאס מיינט אז ער פארהוילט זיך אינגאנצן פון די אנוועזנהייט פון די שכינה אין דאס ארט. די שכינה איז ביי אים נישט ווערד גארנישט אין פארגלייך צו זיינע אומוויכטיגע רצונות, חס ושלום. דאס איז א חילול ה'; ער טוט דערנידערן דעם כבוד פון באשעפער.

איר ווילט נישט אז די שכינה זאל זיך אפטון פון אייער שול? דארפט איר פארליינען פאר די מתפללים וואס עס שטייט אין טור און אין שלחן ערוך (או"ח קכד). דארט שטייט, **השח שיחה בטלה באמצע החזרה נקרא חוטא וגדול עוונו מנשוא וגוערים בו** - ווער עס רעדט אומוויכטיגע רייד, ער דארף אנגעשריגן ווערן. אודאי, אויב עפעס איז א געפאר, דארף מען לאזן וויסן, "געב אכטונג!", אבער עפעס אנדערש רעד נישט. און אויב יענער רעדט, איז ער א זינדיגער און דו דארפסט אים מוסר'ן. נישט נאר ווייל ער האקט אריין און שטערט אנדערע, נאר ווייל ער איגנארירט די שכינה.

## א גרויסע עבירה

אזא עבירה איז **גָּדוֹל עֲוֹנוֹ מִנְּשֹׂא** - ס'איז א זינד וואס קען קיינמאל נישט פארגעבן ווערן (שם.)!

דאס איז א שרעקעדיגע זאך צו זאגן אבער אזוי איז עס - צו זיין א מחלל שם שמים מיט אזא בלעכענעם פנים, דאס איז א זינד וואס איז צו גרויס צו פארגעבן ווערן.

דערפאר דארף מען אים אנשרייען - אזוי דארף צו זיין איבעראל; אויב איינער רעדט אין א שול דארף יעדער אנהייבן צו שרייען, "שא! שא! שא!" און מ'דארף עס איבערזאגן נאכאמאל און נאכאמאל - דרילט עס אריין אין די אויערן פון מענטשן. און קיינער זאל נישט זאגן, "זיי נישט קיין מלמד חובה אויפ'ן אידישן פאלק," ווייל דער שלחן ערוך זאגט דאס, דער טור זאגט דאס. איז וואס איר קומט מיר זאגן איז, "לערן נישט קיין טור פאר מענטשן"?! דאס מוז מען זאגן פאר מענטשן! מ'דארף דאס אריינוואָרפן אין זייערע ציינער נאכאמאל און נאכאמאל, ביז ענדליך וועלן טייל מענטשן זיך צוהערן. נישט ווייל איר האט ליב צו שרייען, נישט ווייל איר זענט פרום. נאר ווייל איר האט די באוואוסטזיניגקייט פון די שכינה וואס "גייט צווישן אייך".

און אויב די מחלה האט דערגרייכט אייער שול און איר קענט עס נישט היילן, דאן דארפט איר אוועקגיין. אויסער אויב איר זענט זייער א וויכטיגע פערזענליכקייט דארט, וועט גארנישט ווערן; איר וועט זיי נישט טוישן. איז טרעפט זיך א בעסערע פלאץ; א פלאץ וואו מען האט כבוד פאר די אנוועזנהייט פון די שכינה. כאטש דיר אליין זאלסטו ראטעווען. טרעף א בית הכנסת וואו מענטשן גייען אריין איידל, זיי רעדן נישט קיין דברי חול, און זיי פירן זיך אויף מיט כבוד.

## גענייצן

איך וועל אייך זאגן עפעס מער. איר וועט אפשר נישט זיין איינשטימיג מיט מיר אבער איך דארף אויך נישט מסכים זיין מיט אייך. שטעלט אייך פאר א שול וואו א מענטש קומט אריין און גענייצט אויפ'ן קול; ער שטרעקט זיך אויס, ער הייבט אויף זיינע הענט און ער גענייצט. למעשה, איז עס דען אן עבירה צו גענייצן? איך קען דאס נישט זאגן, אבער איין זאך איז זיכער - ס'איז נישט קיין כבוד פאר די שכינה וואס געפינט זיך דארט מיט דיר.

אלזא, זאגט מיר נישט אז ס'איז א געניץ, מ'קען דאס נישט אפהאלטן. געניצן קומט נישט אומווילנדיג און איך וועל עס אייך אויפווייזן. אז איר וועט שטיין פאר דעם מעיאר (שטאטראט), טראץ וואס דער מעיאר - בפרט דער ניו יארקער מעיאר - איז א זירא"ו שבזירא"ו'ס, וועט איר נישט געניצן. נישט קיין חילוק וואס, אבער איר וועט נישט געניצן ווייל איר האט אביסעלע דרך ארץ פאר אים.

איר ווייסט, איך האב געזען גרויסע לייט וואס האבן דאס פארשטאנען. איך האב געהאט א רבי אין אייראפע ווען איך האב זייער געשעצט און איך פלעג אים באטראכטן - איך האב געהאלטן מיינע אויגן אויף אים. און איך קען אייך זאגן אז ער האט קיינמאל נישט געגעניצט! איך האב אים באטראכט יארן לאנג און אפילו איין מאל האט ער נישט געגעניצט. אפשר האט ער געגעניצט ווען קיינער האט נישט געזען, דאס קען איך אייך נישט זאגן, אבער ער האט קיינמאל נישט געגעניצט אין א בית המדרש. ער האט זיך קיינמאל נישט געקראצט, קיינמאל. איך ווייס פארוואס. זיין רבי האט אים דאס אויסגעלערנט. זיין רבי איז געווען דער אלטער פון סלאבאדקע און ער איז געווען דאס וואס מ'רופט אן, אן אויסגערעכנטער מענטש. ער האט געלעבט מיט א חשבון - ער האט געוואוסט וואס עס מיינט צו לעבן אין אנוועזנהייט פון באשעפער.

געניצן איז כמעט אלעמאל א צייכן פון פאסיווקייט, עס גייט דיר אינגאנצן נישט אן. און נישט נאר וואס דו ביסט נישט אינטערעסירט, נאר דו ביסט אויך נישט גענוג מכובד'יג צו באהאלטן דעם פאקט אז דו ביסט נישט אינטערעסירט. און אזוי, א מענטש וואס זיצט אין א שול אדער בית המדרש און ער האט א באוואוסטזיניגקייט צו די שכינה וואס איז שורה בישראל, אז ער איז **מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ**, ער וועט קיינמאל נישט געניצן דארט.

## הערליכע געצעלטן

אלזא, מיר קענען נישט אוועקגיין פון די נושא פון שכינה שורה בישראל און די אויפפירונג וואס דאס פארלאנגט פון אונז, אן צו רעדן איבער די שכינה וואס איז אנוועזנד אין א אידישע היים. ווייל וויפיל די שכינה איז אנוועזנד אין בית הכנסת און אין בית המדרש, איז די אידישע היים אויך אן ארט וואו די שכינה רוט!

דאס איז פארוואס ווען בלעם האט צום ערשטן מאל געזען דאס אידישע פאלק לאגערן אין מדבר, איז ער געווארן אזוי איבערגענומען אז ער האט געזאגט, **מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב** - ווי גוט זענען דיינע געצעלטן, יעקב. אלזא, געוויסע מענטשן זאגן אז אהליך גייט ארויף אויף די בתי מדרש און בתי כנסיות און דאס איז א גוטער דרש, ס'איז אמת, אבער דער פשוט'ער פשט איז די אידישע היים. **מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ** - ווי שיין איז די אידישע היים!

וואס איז געווען אזוי שיין וואס בלעם האט געזען? צי האט ער געזען טייערע לוסטערס? הערליכע טאפעטן אדער פירהענג? אה ניין, בלעם איז נישט געווען אזא נאר צו ווערן באאיינדרוקט פון אזעלכע לופטיגע און ווערדלאזע זאכן. און סייווי זענען די געצעלטן פון יעקב געווען ארעמע קליינע געצעלטן; זיי זענען געשלאפן אויף זעק אויף די ערד און זיי האבן נישט געהאט צופיל מעבל אין די געצעלטן.

## פאלאצן פון אנשטענדיגקייט

איז וואס איז געווען אזוי הערליך? בלעם האט נישט געזען געצעלטן; ער האט געזען פאלאצן! פאלאצן פון יושר און קדושה און צניעות און שלום. ער האט געזען סדר און פונקטליכקייט און

געהארכזאמקייט. ער האט געזען אנשטענדיגקייט אין די געצעלטן! **וַיַּרְא אֶת יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן לִשְׁבָטָיו** - בלעם האט געזען די אידן וואוינען לויט זייערע משפחות; **שֶׁאֵין פִּתְחֵיהֶן מְכֻוָּנִין זֶה כְּנֶגֶד זֶה** - די געצעלטן זענען געווען געשטעלט אויף אזא וועג אז די עפענונגען זענען נישט געווען איינע קעגן די אנדערע (בבא בתרא ס.). ס'איז געווען אויסגעפלאנט מיט די גרעסטע מאס פונקטליכקייט אז אויב האט איינער געעפנט די טיר פון זיין געצעלט און זיין שכן האט געטון דאס זעלבע אין די זעלבע צייט, האט איינער נישט געקענט אריינקוקן אין צווייטנ'ס געצעלט.

איר ווייסט פארוואס? כדי מ'זאל נישט זען דעם שכנ'ס ווייב. איר הערט אזא זאך, צו זיין אזוי געווארנט און אפגעהיטן? און עס איז אויך געווען שווער, ווייל זיי זענען געווען צוזאמגעשטופט; עס זענען געווען כאטש 600,000 געצעלטן, מן הסתם פיל מער, און בלעם האט נישט געזען אפילו קיין איינציגער פאל וואו דער פרינציפ איז נישט געווארן איינגעהאלטן.

ער האט געזען אז עס איז א פאלק וואס לעבט לויט די געזעצן ביז צום קלענסטן פרט; א פאלק וואס נישט נאר דאס אז זיי האבן די שכינה אין זייערע היימען, נאר עס איז א פאלק וואס זייער אויפפירונג האט אריינגעברענגט די שכינה אין זייערע היימען. און דאן האט ער געזאגט, **ראויים אלה שתשרה עליהם שכינה** - אזא פאלק וואס געבט אזוי אכטונג ווען עס קומט צו צניעות און שלימות אין אויפפירונג, איז ווערד אז די שכינה זאל רוען איבער איר.

## דער היינטיגער בית המקדש

א אידישע היים איז א בית המקדש! איר ווייסט, מיר זענען שוין צוגעוואוינט דערצו, דערפאר טוען מיר נישט שעצן וואס מיר פארמאגן אבער מיר דארפן זיך אפשטעלן און טראכטן, וועלן מיר זען אז די אידישע היים שטייט אין שפיץ פון די גאנצע ציוויליזאציע! וואו נאך טרעפן מיר א הויז ווי דאס אידישע הויז? קיינער קען זיך נישט אפילו דאס מינדעסטע פארגלייכן צו די אידישע היים. די וועלט דארף ארויפקוקן צו אונזערע היימען צוליב זייער איידעלער כאראקטער, די גוטסקייט, די צניעות, די אנשטענדיגקייט, און אלע גוטע זאכן.

און אזוי, ווען איר גייט פארביי א הויז און איר זעט א גרויסע מזוזה ביים שוועל פון טיר, ווייסט איר אז אינעווייניג איז דא א בית המקדש - די שכינה רוט דארט. נישט קיין חילוק ווי ארעם דאס הויז איז - די ווענט שיילן זיך, די פירהאנג צעגייען און די מעבל האלטן זיך אויף שוואכע פיס - אבער דער פאקט אז די שכינה איז אנוועזנד דארט, ווערט די פשוט'ע וואוינונג פארוואנדלט צום שענסטן פאלאץ. און אפילו אויב די איינוואוינער אינעווייניג באמערקן דאס נישט - זיי זענען פשוט'ע מענטשן, זיי וועלן זיך נישט אליין אויסלויבן - אבער מיר אליין דארפן לערנען צו שעצן וואס עס טוט זיך אין יענע היים. די שכינה רוט דארט!

# חלק ג. די שכינה אין א אידישע היים

## דער דריטער שותף

דאס איז פארוואס א חתונה איז אזוי וויכטיג. ס'איז דער יסוד פון א מקדש; די פארמירונג פון אן ארט פאר די שכינה צו רוען. דאס איז פארוואס די שכינה קומט אראפ ביי יעדע אידישע חתונה. אונטער די חופה געפינען זיך דער טאטע און די מאמע און אויך די מחותנים זענען דארט. אבער עס זענען דא נאך געסט. דער באשעפער אליין איז דארט.

ווי אזוי האב איך די העצה צו זאגן אזא זאך? דאס איז א גמרא (סוטה יז.). אונזערע חז"ל זאגן אונז אז דער באשעפער זאגט, **איש ואשה שלום ביניהם** - ווען זיי קומען זיך צוזאמען, שכינה ביניהם - רוט די שכינה צווישן זיי. און רש"י ערקלערט, אז דער יוד פון דאס ווארט איש און די הא פון דאס ווארט אשה צוזאמען איז דער נאמען פון באשעפער. די שכינה איז דארט.

ס'איז א גלענצנדע געלעגנהייט ווען א חתן זאגט פאר זיין כלה 'הרי את מקודשת לי'. אין יענעם מאמענט קומט די שכינה אראפ און ווערט א דריטער שותף צו דעם זיווג.

## איינער איז צווישן אייך

דער נעבעכדיגער חתן, זיין קאפ איז נישטא. כאטש אויב דער מסדר קידושין וואלט געטון א חסד און ארייגעמורמלט אין זיין אויער גלייך איידער ער נעמט ארויס דעם רינגל און געזאגט, "דו ווייסט וואס דו גייסט יעצט טון? דו ברענגסט יעצט אראפ די שכינה צווישן דיר און דיין כלה." כאטש קען זיך דער חתן ערוועקן פון זיין פארגלייזטקייט און ער וועט כאטש פראבירן צו טראכטן וואס עס קומט פאר. איך האב דאס איינמאל געטון - איך האב ארייגעמורמלט אין אויער פון א חתן פאר ער האט ארויפגעלייגט דאס רינגל, "טראכט דערפון אז די שכינה קומט יעצט אראפ."

און דאס בלייבט אויף אייביג. נישט נאר ביי די חתונה. עס פארבלייבט אויף אייביג! מען דערציילט אויף א געוויסער חסיד'ישער רבי וועלכער פלעגט שטענדיג טראכטן אזוי. ווען ער האט געקוקט אויף זיין ווייב האט ער זיך פארגעשטעלט ווי ער זעט די שכינה צווישן אים און זיין ווייב. ער האט געארבעט אויף דעם. ער האט עס אנגענומען ערנסט ווייל עס איז אמת!

די שכינה געפינט זיך אלעמאל אין די היים פון א פרומע פארפאלק, ווילאנג זיי וואוינען צוזאמען. ס'איז ריכטיג, מענער און ווייבער זענען אנדערש; אין נאטור זענען זיי גענצליך אנדערש, אבער די אנוועזנהייט פון באשעפער טוט אלעס איבערוועלטיגן. וועמען גייט אן אויב דיין ווייב האט געוויסע אינטערעסן און דו האסט אנדערע אינטערעסן? זי האט ליב צו רעדן, דו האסט נישט ליב צו רעדן? עס מאכט נישט קיין חילוק. ביידע אינאיינעם זענען פאראייניגט אין איין געוואלדיגער פאסיגער בנין פאר א אידישער משכן פון עבודת ה', אן ארט ווי די שכינה וואוינט; וועמען גייט אן אז עס זענען דא נישטיגע קליינע אונטערשידן?! אלעס איז נישטיג ווען עס ווערט פארגליכן צו דעם!

## געקליידט פאר די שכינה

דאס איז פארוואס אויב חס ושלום זי ווערט ווילד און אנטלויפט; זי וויל האבן א גט, מאכט זי א חורבן בית המקדש. די גמרא (גיטין צ:) זאגט אז אויב, פאר סיי וועלכע סיבה, האט מען צעבראכן א זיווג, חלילה, **מִזְבֵּחַ מוֹרִיד עָלָיו דְּמָעוֹת** - וויינט דער מזבח אויף דעם. פארוואס? ווייל די שכינה איז פארטריבן געווארן; דער בית המקדש איז חרוב געווארן און מען וויינט אויף דעם חורבן בית המקדש.

אלזא, דאס אלעס מיינט אז מיר דארפן טוישן אונזער מהות - עס פאדערט א גענצליך נייער מהות, א גענצליך נייע אפשאצונג אויף די אידישע היים, וואס דארף פארמירן א גענצליך נייער וועג פון זיך אויפפירן אין די היים.

איר ווייסט, דער טעלזער רב זצ"ל האט קיינמאל נישט אויסגעטון זיין קאפאטע אין זיין הויז, אפילו נישט אין די זוממער. ער איז אלעמאל געווען געקליידט פאר די שכינה. ס'איז געווען נאך א רב, א געוויסער אונגארישער רב, וועלכער האט קיינמאל נישט געלאזט זיינע קינדער זיך אראפלייגן אויף די קאנאפע אינמיטן טאג. ער האט זיי צוגעוואוינט דערצו אז זיי געפינען זיך שטענדיג אין

אנוועזנהייט פון א מלך.

## זיך פירן פאסיג

אלזא, איך זאג נישט אז איר דארפט גיין ביז אזוי ווייט אבער עפעס זאל ווערן אנדערש אין אייער מהות ווען איר ווייסט אז דער באשעפער איז **מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ**, אז ער געפינט זיך פאקטיש דארט. איך זאג נישט אז ס'איז גרינג - ס'פאדערט עבודה. ס'קען זיין אז צומאל שפירט זיך עס ווי אן עול - די שכינה זיצט איבער דיין קאפ. אבער דאס איז ווי אזוי דו קענסט בויען אן ערפאלגרייכע היים. דו דארפסט פראבירן צו טראכטן דערפון און **הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין לוֹ**. מיט די צייט וועסטו מצליח זיין!

דאס דארף זיין דיין רצון, "איך ווינטש זיך צו אריינברענגען די שכינה אין אונזער הויז." קיינער איז נישט קיין מלאך, קיינער האט נישט קיין שלימות; עס זענען דא עליות און ירידות, עס זענען דא דורכפאלן, צומאל זענען דא קליינליכע טראגעדיעס, אבער אלעמאל דארפן א מאן און ווייב האלטן פאר זייערע אויגן א פאראייניגטע שאיפה, "מיר ווילן אז דאס ארט זאל זיין דער בית המקדש. און אויב מיר לעבן ערפאלגרייך, אפילו בלויז טיילוויז ערפאלגרייך, דורך פראבירן אריינצוברענגען אביסל קדושה אין אונזערע לעבנס, דורך מאכן אונזער היים א פלאץ וואס איז ראוי, וואס איז פאסיג, פאר די שכינה, דאן לעבן מיר אויף די וועלט מיט א ציל. מיר זענען מצליח."

און דערפאר דארפן מיר זיך דאס שטענדיג דערמאנען. סיי ווען דו קומסט אריין אין הויז, ווען דו קומסט צוריק פון די ארבעט, זאלסטו צולייגן קאפ דערצו: "דאס פלאץ וואו איך קום יעצט אריין איז קדוש." בשעת דו גייסט אדורך דעם שוועל פון טיר, ס'איז דא א מזוזה ביי די טיר, זאל עס דיר דערמאנען אז די שכינה וואוינט צווישן די אידישע קינדער.

## כעס און אפיקורסות

און כדי דאס צו געדענקען, דארפן מיר ווי ווייט מעגליך זיך אויפפירן אין איינקלאנג מיט די אנערקענונג. אויב ווילט איר אז די שכינה זאל פארבלייבן אין אייער היים, דאן מוז מען זיך דארט אויפפירן מיט גוטע מידות. אויב איינער שרייט שטענדיג אדער אויב איינער פירט זיך נישט שיין צו אנדערע, אויב מען זאגט נישט איידעלע ווערטער אין א היים, דאן קען מען נישט ערווארטן אז די שכינה זאל דארט פארבלייבן. דאס איז א כלל. עס מוז זיין אן ארט פון שעצונג. אנדערש וועט דער באשעפער נישט זיין אנוועזנד.

איז לאמיר זאגן איר שטייט אין קאך און אייער ווייב אדער אייער מאן האט עפעס געזאגט וואס רעגט אייך אויף. די ערשטע זאך צו געדענקען איז, אז די שכינה געפינט זיך אויך אין קאך. אה, דאס איז שוין עפעס אנדערש! איר וועט ווערן אויפגערעגט מיט די שכינה אין צימער?! איר קענט דאס נישט טון! **כל הכועס אפילו שכינה אינה חשובה כנגדו** - א מענטש וואס ווערט אין כעס ווייזט אז ער טראכט אינגאנצן נישט פון די שכינה (נדרים כב:). טראכט פון די שכינה. דו ווערסט אויפגערעגט?! דאס מיינט אז דו פארגעסט פון באשעפער. דאס איז ווי אפיקורסות!

און דערפאר, דאס טראכטן פון די שכינה פאדערט אז מיר זאלן זיך אויפפירן אין א געוויסן וועג. און דאס איז זייער וויכטיג פאר אונז - ס'איז נישט בלויז אז מיר פארמיידן זיך פון די עבירה פון כעס. ס'איז פיל גרעסער ווי דאס! מיר פארמיידן דעם זייער גרויסן מום, דער פלעק, פון נישט טראכטן פון די אנוועזנהייט פון באשעפער. דאס איז אונזער אויפגאבע אין אונזער היים - זיך אלעמאל אויפצופירן אין א וועג וואס איז פאסיג צו די אנוועזנהייט פון די שכינה.

## טרענירן די קינדער

דאס דארף ארויסגעברענגט ווערן אויך פאר קינדער. "קינדער, ווען איר קומט אריין אין הויז, קומט אריין מיט דרך ארץ. ווייסט אז דאס איז א הויז וואו די שכינה רוט. דאס איז נישט קיין באס סטאנציע. דאס איז נישט קיין ביבליאטעק, חס ושלום. אונזער הויז איז אן ארט וואו דער באשעפער האט א נחת רוח, און ער וואוינט דא מיט אונז."

איך דערצייל שטענדיג די מעשה פון א אידישע פרוי פון אייראפע; ווען אירע קינדער זענען געווען קליין און זיי האבן ארומגערודערט און איינער האט זיך געוואלט זעצן אויפ'ן טיש, האט זי אים אראפגעפירט פון טיש און געזאגט, "דו קענסט נישט זיצן אויף א אידישע טיש; א אידישע טיש איז קדוש. א אידישע טיש איז הייליג!" אודאי ווילן זיי נישט אלעמאל אויסהערן אבער ס'גייט אריין אין זייערע קעפ. "אויף דעם טיש עסן מיר כשר'ס; מיר לייגן סידורים אויפ'ן טיש. מיר מאכן ברכות ביים טיש און מיר זאגן דברי תורה." וואס נאך איז קדושה אויב נישט א אידישער טיש? אזוי פלעגט עס זיין און אזוי דארפן מיר עס פארשטיין אויף אייביג.

מ'דארף מאכן די קינדער פארשטיין וואס עס גייט פאר אין א אידישע היים און אזוי קענען זיי אנטיילנעמען עס צו מאכן מער קדוש. מ'קען זיי זאגן, "יעדע מאל וואס דו טוסט עפעס גוט אין די הויז, מאכסטו די הויז נאכמער קדוש. יעדע מאל דו עפנסט א ספר, יעדע מאל דו דאוונסט, יעדע מאל דו זאגסט ברכת המזון, מיט יעדע ברכה וואס דו זאגסט אין די הויז, ווערט די הויז מער און מער קדוש."

למעשה, אין פאל וואס דיין ווייב ווערט נישט מיטגעכאפט מיט די דאזיגע געוואלדיגע השקפות, זי טראכט נישט אזעלכע געדאנקען, קענסטו עס טון אליין. אפילו אויב דיין ווייב רעדט נישט דערפון, רעד דו דערפון. פיל מאל ווערט די ווייב אויך באאיינפלוסט. צומאל איז זי די וואס רעדט דערפון און דער מאן נישט אזוי שטארק. לאז איר ווייטער רעדן - די קינדער וועלן הערן! ער וועט אויך אויסהערן! ס'וועט משפיע זיין אויף יעדן אין הויז, ווען זיי הערן אז דאס איז א היים וואו די שכינה וואוינט.

## ארויסווארפן די שמוץ

איר טארט נישט אריינלאזן קיין צייטונגען אין הויז. היינט בפרט זענען די צייטונגען געפערליך - פון וואס זיי רעדן, פון וואס זיי באשטעטיגן. די ניו יארקער צייטונגען זענען ווי צואה; עס וועט פארשטונקען אייער הויז.

אלזא, איך פארשטיי אז געוויסע מענטשן זענען אזוי צוגעוואוינט צו דעם שלעכטן ריח אז זיי מיינען אז דאס איז נאטורליך, אבער עס וועט זיי נישט העלפן. ווען דער סאלדאט האט געדארפט ארויסגיין פאר זיינע באדערפענישן, איז דאס אויך געווען נאטורליך, אבער די תורה זאגט, "גיי ארויס פון לאגער און באדעק עס אויך!" א היינטיגער צייטונג איז ווי א הויפן אפפאל.

און די מאגאזינען? גענוג און נאך מאגאזינען זענען פול מיט שמוץ. ס'קען זיין אז פיל יארן צוריק איז אפשר געווען א מאגאזין וואס איז געווען צוגעשטעלט פאר אן עקרת הבית; ס'איז געווען פול מיט רעצעפטן און עצות אין נייען און חינוך, אבער היינט איז עס געפערליך. די שמוציגע מאגאזינען פארפעסטן די אידישע היימען. זאגט מיר נישט אז איר ליינט עס בלויז און ס'איז נישט משפיע אויף אייך. עס האט א השפעה! עס לאזט איבער א שלעכטער גערוך! אויך ביכער פון ביבליאטעק. אין די עפנטליכע ביבליאטעקן איז נישטא קיין סוף צו די שמוציגע ביכער דארט. היינט, איז דאס די גאנצע וואס זיי האבן ארויסצושטעלן, אפילו פאר קינדער. איר קענט נישט האבן א היים וואו די שכינה

וואוינט, וואס שמעקט נישט גוט דארט!

## די גרעסטע שלעכטס

דאך, איז דא עפעס ערגערס ווי דאס און דאס איז די טעלעוויזיע. עס זענען נישטא גענוג ווערטער צו רעדן איבער די געפערליכע שלעכטס וואס איז אריינגעדרונגען אין די היימען. איך האב נישט ליב צו טרעטן אויף מענטשן'ס הינער-אויגן אבער א הויז מיט א טעלעוויזיע איז נישט קיין אידישע הויז. ס'איז אוממעגליך צו האבן א בית המקדש מיט א טעלעוויזיע דערין. שטעלט אייך פאר אז דער כהן גדול זאל אריינגיין אין קודש קדשים מיט א קליינע טעלעוויזיע אין זיין האנט. עס וואלט נישט געווען קיין שכינה דארט!

דערפאר, ווען מענטשן רופן מיר אן צו פרעגן אינפארמאציע אויף א שידוך פרעגן זיי מיר, "איז דא א טעלעוויזיע דארט אין הויז?" וואס ענטפער איך? איך זאג, "איך געב נישט קיין אינפארמאציע אויף שידוכים." ווען ס'איז נישטא קיין טעלעוויזיע זאג איך, "נישטא קיין טעלעוויזיע." יעצט, אויב איר וועט מיר אנרופן, ווייסט איר שוין דעם סוד. אה, ער איז א פיינער בחור, גוטע מידות, ער לערנט, ער איז א בעל כשרון. זייער גוט! אבער צי האבן זיי טעלעוויזיע אין זייער הויז? דאס איז זייער א וויכטיגע שאלה. אין די קומענדיגע יארן וועלן שידוכים אפגעזאגט ווערן צוליב טעלעוויזיעס.

און דאס איז ווייל עס זענען נישטא קיין צוויי וועגן אין דעם. אדער האט איר א מקדש אדער האט איר א טעלעוויזיע. ס'קען נישט זיין ביידע. ווער עס האט א גרויסע טעלער אינדרויסן אויף זיין דאך, האט א כלי פון צואה איבער זיין הויז מיט ספעציעלע דראטן צו אריינברענגען אפפאל אין זיין הויז. דער מענטש, זאלט איר וויסן, מאכט חרוב זיין משפחה; ער טרייבט אוועק די שכינה פון זיין היים.

## א מעדאל פון עהרע

וואס איז דער נוצן פון בויען א הויז, וואס איז דער נוצן פון שטיצן א ווייב, אויב וועט עס נישט זיין אן ארט פאר די שכינה?! אז עס זאל זיין סתם אן איטאליענישע היים אדער א פאטריקאנע היים, דאס איז א טראגעדיע. דער גרעסטער כבוד פאר א אידישע משפחה איז דאס אז זיי וואוינען אינאיינעם מיט'ן באשעפער און ווי מער דו אינוועסטירסט דערין, אלס גרעסערע און אלס הערליכערע מעדאלן פון עהרע טראגסטו אויף זיך. עס איז ה' **מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ**.

און אזוי, פונקט ווי דער **וְיָתֵד עַל אֲזֵנֶךָ**, דאס שפיציגע אייזן וואס הענגט אין זייט מיט די אנדערע געווער טראגט א צייכן פון עהרע - דער רבינו בחיי זאגט אזוי: **ומצוה זו היתה מעלה גדולה וכבוד לישראל בהיות השכינה מתהלכת בקרב מחניהם**, דאס איז געווען א באוויז פון גרויסקייט, א צייכן פון עהרע אז די שכינה גייט מיט זיי - אזוי אויך, יעדעס מאל וואס איר פירט זיך אנדערש אין אייער היים אדער אין בית הכנסת אדער אין ישיבה ווייל איר ווייסט אז די שכינה איז דארט, טוט איר באהעפטן צו אייער קאלנער נאך א מעדאל פון עהרע.

ווייל דאס מיינט אז די שכינה איז נישט סתם ערגעץ אין די ספערן, ס'איז נישט ערגעץ אין די וייטע שטערנס. די שכינה איז ביי אונז! די שכינה געפינט זיך אט דא, וואו אידן וואוינען און וואו אידן היטן די געבאטן פון די תורה. און לויט וויפיל מיר זענען אויפמערקזאם צו די דאזיגע גרויסקייט וואס מיר פארמאגן, אלץ מער זענען מיר מצליח אין לעבן. און מיר וועלן פארזעצן צו לעבן אויף דעם וועג, אינאיינעם מיט'ן באשעפער, ביז ער וועט אונז ענדליך צוריקברענגען קיין ירושלים און אויפבויען דעם בית המקדש וואו מיר וועלן זען זיין אנוועזנהייט אויף א פיל מער גראנדיעזער און מאיעסטעטישער פארנעם.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**איז דא א חילוק אין די הדרכה צווישן וואס איר געבט אונז און וואס איר זאגט פאר זיך אליין? אייגנטליך וואס איך מיין צו פרעגן איז, צי פירט איר אויס וואס איר דרש׳נט?**

### תשובה:

לאזט מיר אייך ערקלערן עפעס, א וויכטיגער פרינציפ. ווען איך רעד צו אייך, וואלט איך נישט פארפאטשקעט מיין צייט בלויז פאר אייך אליין. ס׳איז מיין האפענונג אז איך הער עס אויך. יא, דאס איז דער צוועק. אגב אורחא, לאז איך אייך אויך זיך איינהערן. אבער איך הער אויך צו און ס׳איז נישטא קיין ספק אז א רעדנער ווערט באאיינפלוסט דורך זיינע רייד.

הגאון רבי ישראל סאלאנטער האט אמאל געפרעגט, ״ווי אזוי קען איינער שאצן די תועלת פון א מוסר שמועס?״ און ער האט געענטפערט, ״אפילו אויב אלס רעזולטאט פון זיין שמועס האט בלויז איין מענטש געדאווענט בעסער מנחה, איז עס ווערד געווען״. און, האט רבי ישראל פארגעזעצט, ״אפילו אויב דער איינער מענטש וואס האט געדאווענט בעסער מנחה איז דער רעדנער אליין, איז עס נאך אלץ ווערד געווען.״

א בעסערע מנחה - סיי וואספארא רוחניות - איז זייער א גרויסע דערגרייכונג. דערפאר, סיי וואס איר קענט טון פאר זיך אליין, צי איר לערנט אליין אדער לערנט אויס פאר אנדערע, מאכט זיכער אז איר אליין הערט אויך אויס. איר הערט אויך און איר האט א תועלת. עפעס רייבט זיך אן אויף אייך. לא ימלט! ס׳איז אוממעגליך אנדערש. אויסער אויב ער איז עפעס א רמאי גדול. אויסער אויב ער איז א גענצליכער פאפער. אבער א געווענליכער מענטש, ווען ער רעדט הערט ער אליין אויך אויס.